**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תבוא י לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## די יארצייט פון הייליגן רבי פנחס׳ל קאריצער זי״ע

א גוט מארגן, זונטאג פרשת כי תבוא, י׳ אלול תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט געפאלט די יארצייט פונעם הייליגן רבי פנחס׳ל קאריצער זי״ע. ביי שלש סעודות האבן מיר איבערגעזאגט שיינע, לעכטיגע און וויכטיגע רעיונות פונעם הייליגן רבי פנחס׳ל. מיר האבן אויך ארומגערעדט ביי שלש סעודות איבער **דעם ענין פון וועלכע עבודת השם מען קען ארויסנעמען און נתעלה ווערן דורך עצבות און מרה שחורה**. הערט דעם שיעור, ״שמעו ותחי נפשכם״. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאלן זיין דברים היוצאים מן הלב ונכנסים אל הלב, לטוב ולברכה, לששון ולשמחה.

## היום לעשותם: די וויכטיגקייט פון אויסנוצן דעם היינטיגן טאג - די מעשה פונעם קאברינער און קאצקער

עס שטייט די וואך אין די פרשה: ״אשר אנכי מצוך היום״. רש״י לערנט ארויס: ״היום לעשותם״ – היינט טוט מען די מצוות, ״ולמחר ליטול שכרם״ – און מארגן, אויף יענע וועלט, נעמט מען דעם שכר.

מען דערציילט אז עס איז געווען א חסיד וואס פלעגט פארן צום הייליגן רבי משה קאברינער זי״ע. נאכדעם וואס דער קאברינער איז נפטר געווארן, האט ער געזוכט א נייע רבי און געטראכט צו פארן צום הייליגן קאצקער רבי׳ן, רבי מענדעלע קאצקער זי״ע. ער האט מחליט געווען אז ער גייט פאר קיינעם נישט דערציילן אז ער איז געווען א חסיד ביים קאברינער, ביז ער וועט זען אז זיין נשמה איז מקושר בתכלית הקשר מיט׳ן נייעם רבי׳ן, דעם הייליגן קאצקער.

דער הייליגער קאצקער האט גראד ברוח קדשו געוואוסט ווער ער איז, וואס ער איז, און וואס ער זוכט דא. ער קומט אריין צום קאצקער רבי׳ן, זאגט אים דער קאצקער רבי: ״נו, דערציילט עפעס א גוטע מעשה אויף אייער רבי׳ן, רבי משה קאברינער. וואס פלעגט ער מדגיש זיין? וואס פלעגט ער זאגן פאר די חסידים?״

האט דער חסיד געענטפערט, אז רבי משה קאברינער פלעגט שטענדיג מדגיש זיין און ארויסברענגען פאר די חסידים, אז יעדער איינער דארף **בעיקר קאנצענטרירן זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים אויף דעם הווה**, אויף יעצט, און אפילו נישט אויף דעם עתיד. אויף דעם עבר האט איז שוין אפגערעדט, נאר אפילו נישט אויף דעם עתיד, **נאר בלויז אויף יעצט**. ער פלעגט עס מסביר זיין אזוי: ״היום לעשותם ולמחר לקבל שכרם״ – די עיקר מחשבה פון א מענטש דארף זיין אויף היינט. עס שטייט אין חז״ל: ״יפה שעה אחת בעולם הזה״ – עס איז בעסער איין שעה אויף דער וועלט ווי אלע טעג וואס מען וועט זיין אין עולם הבא, ווייל אין עולם הבא קען מען שוין גארנישט משלים זיין. דעריבער דארף מען דא ארייננכאפן יעדן טאג וואס מען קען. פארפאס נישט דעם טאג, כאפ אריין היינט, ווייל דו ווייסט נישט וואס וועט זיין מארגן. מארגן באקומסטו שוין דעם שכר; מארגן וועסטו קענען באקומען שכר אויף דעם וואס דו האסט היינט ארייגעכאפט, אבער וואס דו האסט פארפאסט, איז שוין נישטא ווען משלים צו זיין.

דער הייליגער קאצקער האט זייער אויסגעלויבט די בחינה, און ער האט געזאגט אז מען דארף זיך פלאגן זייער אסאך צו קענען משיג זיין די בחינה פון ״היום לעשותם ולא מחר לקבל שכרם״. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איר הערט? דער יצר הרע קומט און ער לייגט אריין אינעם היינטיגן טאג א יאוש, אן עצבות, א מרה שחורה, א נאכגעלאזטקייט און אן אויפגעגעבנקייט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, געבט עס נישט אויף, אפילו אין די לעצטע רגע פונעם טאג. יעדע רגע פונעם הווה וואס מען קען ארייננכאפן מיט תורה, עבודה, יראת שמים, אמונה, בטחון, שמחה און לעבן מיט׳ן אייבערשטן – ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כלכם היום״ – **געב נישט אויף קיין איין רגע פונעם הווה! קוק נישט אויף צוריק, ווייל דאס איז שוין עבר, און קוק נישט אויף ווייטער, ווייל דו ווייסט נישט וואס עס וועט זיין און ווי לאנג דער עתיד עקזיסטירט נאך; אבער דער הווה, דאס איז דא**, און וואס דו וועסט יעצט ארייננכאפן, האסטו זיכער סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? ממילא דארף מען זיין בשמחה די גאנצע צייט. מען קען נישט זיין טרויעריג אויפ׳ן עבר, ווייל דער עבר איז שוין נישט דא, און מען קען אויך נישט זיין באזארגט אויפ׳ן עתיד, ווייל דו ווייסט דאך נישט וואס דער עתיד וועט ברענגען. דעם הווה דארפסטו ארייננכאפן מיט פנים מאירות, מיט אמונה, שלום, בטחון, שמחה, און מיט א געפיל פון ״אני שמח בחלקי״.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תבוא י' לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דעם הווה דארף מען אויסנוצן אריינצוכאפן וואס מען קען נאר אויפטון יעצט פאר זיך, פאר'ן אייבערשטן, פאר די תורה, און פאר אונזערע דורות. מורא'דיגע ווערטער, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער!

## די דריי פשטים פון קארלינער מגיד איבער עצבות

מען דערציילט נאך פונעם אדמו"ר הזקן פון קארלין, אז עס זענען געווען דריי חסידים בשעת דער רבי האט געזאגט א תורה. ער האט געזאגט תורה אויפן פסוק "ירבו עצבותם אחר מהרו", און יעדער איינער האט געהערט עפעס אנדערש וואס דער רבי האט געזאגט. איינער האט געהערט דעם אדמו"ר הזקן פון קארלין זאגן: "ירבו עצבותם" – **פון וואו מערט זיך עצבות? דער תירוץ איז "אחר מהרו", ווייל מען וויל פארכאפן די שפעטערדיגע זאך פאר די ערשטע**. מען וויל פארכאפן דעם מארגן און דעם איבערמארגן, מען גייט נישט אין א רייע צו טון קודם וואס מען דארף יעצט און נאכדעם וואס עס קומט שפעטער; דאס כאפן די שפעטערדיגע זאכן פאר די ערשטע ברענגט עצבות.

א צווייטער האט געהערט אז דער רבי האט געזאגט: "ירבו עצבותם" – אז מען מערט עצבות, "אחר מהרו" –עצבות ברענגט עצבות איין עצבות די אנדערע עצבות.

און א דריטער תלמיד האט געהערט ווי ער זאגט: "ירבו עצבותם" – אז מען מערט עצבות, "אחר מהרו" – איז דאס א "מתנה", עס איז א לשון פון א מתנה (מהרו). מען גיט א מתנה, חלילה וחס, פאר די סטרא אחרא – דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן. עצבות איז א מתנה פאר די סטרא אחרא.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פון דא זעט מען אז יעדער איינער הערט וואס ער דארף צו הערן, אבער אלע דריי פשטים זענען פאר אונז וויכטיג.

די ערשטע זאך איז, זאלסטו וויסן אז ווען דו פרובירסט צו כאפן נישט וואס ס'איז יעצט און נישט וואס דו האסט, נאר דו קוקסט אויף וואס גייט קומען און וואס דו ווילסט באקומען, ווערט דערפון אן עצבות.

ווען א מענטש ארבעט און הארעוועט אויף דעם וואס ער האט, ווען א מענטש ארבעט און הארעוועט אויפן "הווה", ווען א מענטש באגנוגט זיך און ער טוט זיין תורה, עבודה ויראת שמים, ער גייט אן מיט שמחה און מיט דעם וואס ער האט, דאס ברענגט שמחה. אבער וועלן כאפן די שפעטערדיגע זאכן פאר די פריערדיגע, דאס ברענגט עצבות.

אז איין עצבות ברענגט א צווייטע, און מ'דארף עס תיכף אפשטעלן, ווייל עצבות ברענגט נאך עצבות. און די דריטע זאך איז, אז ווען מ'איז בעצבות געבט מען מתנות חלילה פאר די נישט גוטע זייט. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, חזקו ואמצו, חזק ויאמץ לבבכם וקוה אל ה'.

## די עצה פונעם צמח צדק וויאזוי צו ברענגען שמחה

דער צמח צדק זאגט, **אז די עצה פאר שמחה איז צו רעדן זאכן וואס זענען משמח דעם הארץ, מאכן תנועות און טראכטן מחשבות וואס זענען משמח די רמ"ח איברים ושס"ה גידים; דורך דעם איז מען זוכה צו שמחה.** דער יצר הרע וויל שטענדיג אז מען זאל רעדן פון טרויעריגע זאכן, פון אויפרעגענישן, פון צובראכענע זאכן, פון זאכן וואס קלאפן אראפ, פון זאכן וואס ברענגען יאוש, פון זאכן וואס דערשרעקן און פון זאכן וואס מאכן באזארגט. דאס איז וואס דער יצר הרע וויל. זאגט אבער דער צמח צדק: ניין! **לאז דיך נישט, נאר רעד פאזיטיוו; רעד, טראכט און טו נאר זאכן וואס זענען משמח דעם מענטש, כדי אריינצוברענגען א שמחה אמיתית, א שמחה עמוקה, א טיפע שמחה. מיר זאלן זיין דורכגענומען מיט שמחה, דורכגעווייקט מיט שמחה און אויסגעקאכט מיט שמחה**.

אזוי ווי דער חינוך זאגט אין מצוה ט"ז: "האדם נפעל כפי פעולותיו". אויב א מענטש טוט ענינים פון שמחה, ווערט א התפעלות, און דער מענטש לויפט נאך שמחה, ווייל נאך די פעולות ווערן נאכגעצויגן די לבבות. ווי מער א מענטש רעדט פון שמחה, לערנט פון שמחה, איז עוסק אין שמחה, מאכט תנועות פון שמחה, זינגט זיך אונטער שמחה'דיגע ניגונים, לעבט אין שמחה און קאכט אין שמחה, אלץ מער איז דאס משפיע אויף אים א עכטע שמחה.

נאך מער פון דעם שטייט אין די ספרים הקדושים, אינעם זוהר הקדוש, אין די ספרי אר"י, און אין די ספרי תלמידי בעל שם טוב וכו'. יעדע תנועה וואס א מענטש מאכט דא אויף דער וועלט, דורכדעם איז ער מעורר די זעלבע תנועה למעלה, ווייל "אתערותא דלתתא" ברענגט אן "אתערותא דלעילא". אז א מענטש טראכט שמחה, רעדט שמחה, פירט זיך אויף מיט שמחה און איז בשמחה – ער קאכט, רעדט און

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תבוא י לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ווייקט זיך אין שמחה – דעמאלט איז ער מעורר שמחה פון די עולמות העליונים. דאס ווערט צוריק נשפע דא אויף דער וועלט, א השפעה פון שמחה וואס קומט פון "עוז וחדוה במקומו"; עס קומט פון די הויכע אטמאספערן, פונעם מקור השמחה.

אבער חלילה וחלילה, ווען מען לעבט און מען איז משפיע טרויעריגע מחשבות, טרויעריגע דיבורים, יאוש'דיגע, מחלוקת'דיגע, צוקלאפטע און דערנידריגטע מחשבות, דיבורים און מעשים – חלילה וחלילה, ווער וויל דען דאס מעורר זיין מן השמים אז אזא מין השפעה זאל אראפקומען? קיינער נישט!

**און ממילא, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס איז אונזער שמחה? "שלא עשני גוי", "בנים אתם לה' אלקיכם", "אהבתי אתכם אמר ה'", דאס איז אונזער שמחה. "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום", דאס איז אונזער שמחה. "שעשה לי כל צרכי", "הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים" – דאס איז אונזער שמחה.** מיר פרייען זיך אז מיר זענען קעניגליכע, רייכע, דערהויבענע, לויטערע, פרייליכע, לוסטיגע, גליקליכע קינדער פונעם הייליגן באשעפער, בנים אתם לה' אלקיכם. מיר האבן א תורה, מיר האבן א מסורה, מיר זענען הייליג, מיר זענען פריילך, מיר האבן צו וועמען צו רעדן, און מיר האבן די אמונה פשוטה אז אלעס, אלעס, אלעס איז אנגעשריבן בששת ימי בראשית, און אלעס טוט דער הייליגער באשעפער, דער טוב ומטיב לכל; און וועגן דעם, "הכל יודוך והכל ישבחוך והכל יאמרו אין קדוש כה'".

### די שמחה פון תורה און דער טשעבינער רב

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז געווען ראש חודש אייר תשי"ט, ווען א בחור איז אריינגעגאנגען צום הייליגן טשעבינער רב ביי אים אין שטוב אין ירושלים און געבעטן א ברכה. ראש חודש אייר הייבט זיך אן דער זומער זמן, און ער האט געבעטן א ברכה פונעם טשעבינער רב אז ער זאל מצליח זיין אינעם זמן. דער טשעבינער רב האט אויפגעהויבן זיינע ריינע הייליגע אויגן, אנגעפילט מיט ליבשאפט צו דעם בחור און פול מיט רחמנות, און אים געזאגט: **"נאר בשמחה". האט דער בחור געפרעגט: "וויאזוי מאכט מען דאס?" האט דער טשעבינער רב געענטפערט: "מען איז זיך מחיה מיט אביי ורבא".**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אלעס ווענדט זיך אין שמחה. ווי אזוי קען מען צוקומען צו שמחה? דורך די תורה, דורך לערנען תורה און מקיים זיין די תורה. "פקודי ה' ישרים משמחי לב". אויב א מענטש קען זיך נישט ברענגען צו שמחה, מיינט עס אז ער איז נישט מקיים די תורה ווי עס דארף צו זיין; ער לערנט נישט קיין תורה, ער איז נישט דבוק אין די תורה, און ער היט נישט די תורה. אויב מען היט די תורה, מען איז באהאפטן צו די תורה, מען לערנט תורה און מען טוט מצוות ומעשים טובים, דעמאלט איז מען בשמחה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **די הצלחה אין לעבן פון א איד איז נאר דורך שמחה**. מען דערציילט אז אמאל האבן זיך געטראפן צוויי חסידים, און איינער האט געפרעגט דעם צווייטן וואס ער מאכט און ווי אזוי עס גייט. האט ער אים געענטפערט: "ברוך השם; אמאל גיב איך אים א קלאפ, און אמאל געבט ער מיר א קלאפ. איך בעט אבער דעם אייבערשטן אז איך זאל אים דערלאנגען דעם לעצטן קלאפ."

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אמאל געבט דער יצר הרע א קלאפ. א מענטש דארף וויסן אז אמאל געבן מיר אים דעם קלאפ און אמאל געבט ער אונז דעם קלאפ, אבער וואס מיר בעטן פונעם אייבערשטן איז אז מיר זאלן זיין די וואס דערלאנגען אים דעם לעצטן קלאפ.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וויאזוי איז מען זוכה צו געבן פארן יצר הרע דעם לעצטן קלאפ, אז מיר זאלן אים מנצח זיין? נאר מתוך ששון, נאר מתוך שמחה, און נאר מתוך אמונה פשוטה. מען דארף זיך קאכן אין פרייליכקייט און זיך קאכן אין לעכטיגקייט. איך בין א איד! איך בין א בן מלך! איך בין א בן מלכים, איך בין א קעניגליך קינד. דער אייבערשטער האט מיך ליב, און איך האב ליב דעם אייבערשטן. דער אייבערשטער האט ליב אידישע קינדער, און איך האב ליב אידישע קינדער. איך האב ליב די תורה, און די תורה האט מיך ליב.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דארף זיך קאכן אין דעם, גלייבן אין דעם, און דאס אנערקענען: נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט. אלעס, אלעס אויף דער וועלט איז שוין געווען אנגעשריבן משששת ימי בראשית. דער הייליגער באשעפער מאכט זיכער אז די זון קלאפט, די לבנה, די שטערנס, די פלאנצונגען – די גאנצע וועלט שטימט. אויב אזוי, שטימט מיין חלק פון מיין לעבן אויך. דער זעלבער באשעפער וואס מאכט אז אלעס אין דער וועלט זאל שטימען, מאכט אויך אז ביי מיר זאל אלעס שטימען. השגחה פרטית! יעדער איד געפינט זיך תחת השגחה פרטית פונעם הייליגן באשעפער, און דער הייליגער באשעפער איז א טוב ומטיב לכל.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת כי תבוא י לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

שלום צווישן אידן און די מצוה פון כיבוד אב ואם

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר זיך מחזק זיין אויסצונוצן און אריינכאפן דעם היינטיגן טאג. לאמיר אריינכאפן שמחה, תורה, עבודה, יראת שמים, מצוות ומעשים טובים, און נאנטקייט צום אייבערשטן. לאמיר אריינכאפן צו לעבן וואס מער און מוסיף זיין און פארמערן מיט א פנים מאירות, א שמייכל, א לעכטיגקייט, א זיסקייט, א ווארעמקייט און א גליקליכקייט. אמונה, שלום, בטחון און שמחה; זיך נישט קאכן קעגן אידן און נישט האבן קיין פירוד לבבות מיט קיין שום איד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, טראכט אריין: דו קענסט גיין צו יעדע שמחה אין די וועלט און דו ווילסט יעדעם טרעפן! דו ביסט רואיג צו באגעגענען יעדן איינעם? אויב נישט, מאך שוין א קבלה טובה על העתיד. שוין, שוין, פון יעצט אן בין איך יעדעם מוחל, און מען בעט דעם אייבערשטן אז יעדער זאל מיר מוחל זיין, כדי איך זאל מיך קענען טרעפן מיט יעדעם און צו יעדעם שמייכלען.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זענט איר אפגעהאקט פון איינעם? חלילה וחלילה פון איינעם פון די עלטערן, טוט שוין תשובה. דאס איז די חמורה שבחמורות. **ווי קענען מיר ערווארטן א גוטע כתיבה וחתימה טובה אויב מ'רעדט נישט צו די עלטערן**, אויב מ'איז נישט מכבד די עלטערן, אויב מ'גייט נישט צו די עלטערן, און אויב מ'קוקט נישט אן די עלטערן ווי א קעניג און א קעניגין? וויאזוי איז מעגליך זיך צו שטעלן צום יום הדין ווען מ'מאכט אוועק די עלטערן און מ'איז זיי מצער? וואס וועט דער הייליגער באשעפער זאגן פאר די קינדער, און וואס וועט דער הייליגער באשעפער זאגן פאר די עלטערן וואס פארטרייבן די קינדער, אדער פאר די אידן וואס פארטרייבן אנדערע אידן איינער פונעם צווייטן?

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, כאיש אחד בלב אחד! "אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד; מיר זענען אלע איינס, גאנץ כלל ישראל איז איין שטיק, מיט די תורה זענען מיר איינס, און כביכול מיט קודשא בריך הוא ושכינתיה זענען מיר אויך איינס. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, כדי צו קענען זיין א תורה-איד, כדי צו קענען זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און כדי מיר זאלן זוכה זיין צו רחמים וחסדים פונעם הייליגן באשעפער, מוזן מיר מקיים זיין די מצוות התורה, בפרט ובפרט כיבוד אב ואם. **דער הייליגער באשעפער זאגט: "ווילסט מיך מכבד זיין? זיי מכבד דיינע עלטערן! ווילסט פון מיר מורא האבן? האב מורא פון דיינע עלטערן!" ווען מיר גייען אויסשרייען "מלכות" און מיר זענען מקבל עול מלכות שמים, דארפן מיר וויסן אז אן כיבוד אב ואם איז נישטא קיין עול מלכות שמים; דער הייליגער באשעפער נעמט עס נישט אן**.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, חזקו ואמצו! לאמיר לעבן בשלום, לעבן בשמחה, לעבן מיט פרייליכקייט, געבן שמחה פאר אנדערע אידישע קינדער, משפיע זיין שמחה פאר אידישע קינדער, און משפיע זיין אמונה, שלום, בטחון, און שמחה פאר אלע אידישע קינדער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער!

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן ס'זאל זיין **א גוטע כתיבה וחתימה טובה**, און א גוט געבענטשט, פריילידך, לעכטיג און זיס יאר. ס'זאל שוין זיין דערהויבן בתשואות חן, פריילידך און לעכטיג. מ'זאל קענען באצאלן אלע חובות, און ס'זאל זיין פרנסה בריוח מיט א שמוץ אריבער. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז מיר זאלן אלע זוכה זיין צו יושר ועושר, כדי מיר זאלן קענען אנגיין און האבן א קיום אין דעם גלות, אז פאר קיין שום איד זאל גארנישט פעלן. ס'זאל זיין אך טוב וחסד, בשורות טובות, ישועות ונחמות, און א לעכטיגער תמיד, אמן כן יהי רצון.

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**